"אידישע העלדן"

(פארטזעצונג)

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, איז לידיא סאכאראווא, ווי פילע אנדערע מיידלאך פון דער העכסטער אריסטאקראטיע, נעגאנגען אין דער מלחמה אלס שוועסטער פון הייליקן קרייץ.

אבער זי איז געווען פיל ערנסטער אין איר טרויעריקער ארבעט, ווי די אנדערע מיידלאך פון איר גראד. זי האט זיך מיט לייב און ליבע איבערגעגעבן צו העלפן די פארוואונדעטע, און גליקלאך זיינען געווען די אומגליקלאכע וועלכע זיינען געקומען אונטער איר אויפזיכט. דען אויב זי האט זיי זאגאר ניט געקאנט העלפן, האט זי אבער פיל דערלייכטערט זייערע שמערצן דורך אירע טרייסט ווערטער און פריינטלאכקייט.

און מען האט געבראכט דעם באוואוסטלאזן מאיר מארגאליס אין דעם פעלד לאזארעט האט לידיא סאכאראווא אים אפגעוואשן דאס פארטריקנטע בלוט פון זיינע וואונדן און ארויפגעלייגט דעם פארבאנד.

און זינט דאמאלסט פלעגט זי אים שיינקען איר גאנצע אויפמערקזאמקייט. זי האט טאקע קיינמאל ניט אפגעגעבן קיין רעכענונג, אבער זי האט געפילט א שטארקע סימפאטיע צו אים און עס האט איר גארניט געארט, וואס ער איז א איד.

און א דאנק אירע באמיאונגען און אירע אויפאפפערונגען, איז מאיר מארגאליס אין א וואך ארום זייט ער איז געבראכט געווארן אין לאזארעט, געקומען צו זיך.

ער איז נאך געווען שוואך, זייער שוואך, די אפענע וואונדן זיינען נאך ניט געווען פארהיילט, אבער ער איז געווען ארויס פון געפאר.

ווען ער האט געעפנט די אויגן האט ער פארוואונדערט זיך ארומגעקוקט.

ער איז געלעגן צווישן א גאנצע רייע בעטלאך, אויף וועלכע ער האט געזען גאנץ בלייכע אדער וואקס - געלע מענשלאכע פנים'ער, פילע זיינען געלעגן אומבאוועגלאך אזוי ווי פארגליווערט אין טויט; אנדערע ווידער זיינען געווען פארקרימט פון שרעקלאכע שמערצן.

און אלע, וועלכע זיינען דא געלעגן, זיינען געווען יונגעלייט אדער מענער אין מיטעלע יארן, אלע סאלדאטן, וועלכע זיינען פאראומגליקט געווארן אין דער מלחמה.

און דערפאר איז מאיר מארגאליס געווען איבערראשט אלס ער האט דערזעען אויף א בעטל לעבן זיך אן אלטן, גרייז־גרויען אידן מיט א לאנגער, שניי־ווייסער בארד.

— ווי קומט דער אלטער איד אהער? — האט מאיר זיך געוואונדערט, — אויך געפאלן אין מלחמה?

דער זקן האט אים אנגעקוקט מיט פריינטלאכע בליקן און האט געזאגט:

— מיר פרייט זייער, יונגערמאן, וואס איר זייט ארויס פון געפאר. איך ווייס, איר זייט א יהודי!

— און ווער זייט איר? — האט מאיר געפרעגט מיט א שוואכער שטימע.

— מען רופט מיך ר' שמשון ר' ירדעל'ס פון לאצק!

מיר מוזן זיך אפשטעלן דא און אומקערן זיך צו דעם אלטן פאפ, וועלכן מיר האבן איבערגעלאזט, ווי די לעזער געדיינקען, רעדן מיט דעם אידן לעווי.

קאפיטל 27

גאנץ צעטומלט און אזוי ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ איז דער אלטער פאפ אנאפאן געשטאנען א לאנגע צייט נאכדעם ווי דער דארער לעווי איז אפגעפירט געווארן צוזאמען מיט די איבעריקע קריגס געפאנגענע.

וואס האט אים דער יונגערמאן דערציילט?

גיטל, די אומגליקלאכע גאליציאנער אידישע מיידל, וועלכע איז געווען געפאנגען ביי אים אין לאצק, די איינציקע וועלכע קאן אויפדעקן דאס געהיימניס פון זיין לעבן און וועלכע קאן אים דערקלערן ווען יענער פאטאגראפיע — די דאזיקע מיידל איז איצט אין א קאטוילישן קלויסטער וואו זי ווערט געהאלטן א געפאנגענע ביי די נאנעס?!

דער אלטער פאפ האט אין דעם דאזיקן אויגנבליק ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן? צו זאל ער זיך פרייען וואס גיטל איז געפונען געווארן, צו זאל ער באוויינען איר שיקזאל, וואס זי איז אוועקגעריסן געווארן פון איר היים, פון איר פאמיליע און ווערט ארומגעשלעפט אין געפיינגענשאפט צווישן לומפן און באנדיטן?

און פארוואס ליידעט זי, די דאזיקע אומגליקלאכע אידישע מיידל? און פאר וואס ליידן זיי אלע? פארוואס איז דער דארער לעווי אוועקגעשיקט געווארן אין סיבירישע מינעס ווי א קאטארזשניק און באכראך?

די טראגעדיע פון דעם דאזיקן יונגערמאן, וועלכער איז משוגע געווארן פון שמערצן אין דעם אויגנבליק, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז ער, א איד, האט דערשאסן אין מלחמה אן אנדער אידן — די דאזיקע טראגעדיע האט אויף דעם אלטן פאפ געמאכט א באזונדערס שטארקן איינדרוק.

א, ווען אלע וואלטן געפילט ווי דער דאזיקער איידעלער יונגערמאן, וואלט קיין ברודער מארד ניט פאסירט! קיינמאל וואלט קיין מלחמה ניט פארגעקומען!

(פארטזעצונג קומט)

דיזראעלי — אין רידזשענט

אלעמען איז באקאנט דער נאמען פון דיזראעלי. דער גרויסער אידישער שטאטסמאן אין ענגלאנד, וועלכער האט מיט זיין וויט זעענדיקן בליק געהאלפן דערגרייכן דעם סועץ קאנאל פאר ענגלאנד.

"דיזראעלי", איינע פון די אינטערעסאנטסטע און רייכסטע ריידנדיקע בילדער, ווערט געוויזן היינט, מאנטאג אין רידזשענט טעאטער. אין דעם דאזיקן בילד ווערט אפגעשפילט די געשיכטע און עפיזאדן פון דיזראעלי'ס קאריערע.

בענדזשאמין דיזראעלי איז געווען דער ערשטער איד צו דערגרייכן דעם כבוד צו ווערן פרעמיער מיניסטער פון ענגלאנד.

דזשארדזש ארליס שפילט די ראל פון "דיזראעלי" דאס דאזיקע בילד האט געמאכט א רושם אין דער גאנצער וועלט, אבער באזונדערס איז דאס דאזיקע בילד אינטערעסאנט און באלערנד פאר אידן. דאס בילד איז א שטיק געשיכטע וואו עס ווערט אפגעשפיגלט דאס לעבן פון איינעם פון די גרעסטע אידן. זעט עס היינט אין רידזשענט טעאטער. איר וועט זיין העכסט צופרידן.

אין קווינס טעאטער

מיטוואך אווענט דעם 19טן מארט, וועט פארקומען דער בענעפיט פון פלארענס וויס, אין קווינס טעאטער. צו דער געלעגנהייט פירט זי אויף — "די קליינע גנב'טע", קאמעדיע דראמע אין דריי אקטען מיט געזאנג.

פאר דער קורצער צייט וואס זי שפילט אין קווינס טעאטער, האט זיך פלארענס וויס באליבט געמאכט ביי די קווינס טעאטער פאטראניזירער, און עס איז צו דערווארטן אז אלע וועלן קומען אין מאסן צום יום־טוב פון דער בענעפיציאנטין און זיי וועלן צוזאמען מיט איר פייערן איר ערשטן ערן־אווענט אין ווינניפעג.

—(::)—

אין פעלעס טעאטער

"די קענערי מוירדער קיים", א ריידנדיק און טאנצנדיק־מיסטעריעז בילד, מיט וויליאם פאועל און דזשיימס האל אין די הויפט ראלן, ווערט געשפילט היינט אין פעלעס טעאטער.

די "קענערי מוירדער קיים", איז איינע פון די שפאנענדסטע בילדער, פול מיט שפרודליקע מאמענטן וואס רופן ארויס גרויס אינטערעס. עס ווערט אויך געשפילט א ריידנדיקע קאמעדיע און פאקס נייעס. זעט עס אין פעלעס טעאטער

—(:־:)—

פעלער אויסבעסערונג

אין דער באגריסונג לעצטן פרייטאג, פון מר. העררי גרינבערג, 333 נערי סטריט צו די "דזשיימס דיי ווארקס", איז דורך א טעות פארפעלט געווארן די ווערטער — "מערטשאנט טיילאר". עס האט געדארפט זיין געדרוקט: "העררי גרינבערג, מערטשאנט טיילאר".

ווען אין סאסקאטון
שטייט אין
WINDSOR HOTEL
1st Ave. and 20th St. E.
הייסע און קאלטע וואסער
יוראפייאישער פלאן. באקוועמע רייטס
דוד עלים, אייגנטימער

BOSTON HAT WORKS
אין טאג באדינונג
ליידיס און דזשענטס פעלט העטס און קעפס גערייניקט, געבלאקט און רעמאדעלט.
מיר קומען נאך דעם און מיר דעליווערן עס צוריק.
566 מיין סט. טעל. 25 623

נייע
בעדרום וואלפייפערס
אין צאלרייכע פעטערנס און שיינע קאלירן

א סך שיינע פעטערנס צווישן די דאזיקע נייע בעדרום וואלפייפערס! איינציקע זיינען באשפרוצט מיט בלומען! א צאל גלייכן דעליקאטע וויין־בלעטער דעזיינס. אנדערע פירשורן שיינע פאנאראמישע עפעקטן. די קאלירן זיינען אזוי קינסטלעריש צוזאמענגעשטעלט אז זיי פאראייניקן א שטילע רוזאמקייט מיט א פרילינג־צייט פרייד. די דאזיקע וועלן אילוסטרירן:

א. אן אינטערעסאנטער פייפער מיט זילבער באפוצונג. א געדרייטע בוים — מיט בלויע, רויטע, געלע און זילבערנע דיקע בליאונגען — וואקסן ארום דעם. דער גרונד איז דעליקאט ראזעווע גרעי.

ב. ארטיסטיש געמאלן גרעי בוימער מיט גרין פעדערנע אויבנס האבן אויסגעקליבן צו וואקסן אויף דעם דאזיקן גרעי־ווייסן פייפער. אין די אינטערוואלן בליען זיי אין טראפנס בלומען פון מויוו, מאולבערי, בלויז און גרעי

ג. א ווייכער אייווארי פייפער דורכגעוועבט מיט א בלומענדיקן וויין דעזיין, אזוי ערהאבן ווי א שיין באפוצטער שניר! פראכטפול שיינע קאלירן. די בלומען זיינען דופאדיל געל און ביטערסוויט רעד מיט באפוצונגען פון זילבערנדיק גרעי.

35c א ראל

איטאנס
דעקארירונג באדינונג

איר וועט געפינען איטאן באדינונגען וואונדערבאר באהילפיק אין לייזן אייערע דעקארירונג פראבלעמען — סיי איר ווילט פיינטן אייער הויז פון דרויסן, די אינוועניקסטע האלץ־ארבעט איבערגעפינישט אדער פייפערן די רומס.

מיר וועלן צו אייך שיקן אונזערע בעסטע מענשן וועלכע וועלן אייך געבן די בעסטע עצות וועגן פעטערנס, קאלירן און וועגן דער ארבעט. אלץ וואס איר דארפט טאן, איז צו טעלעפאנירן צום דעקארייטינג דעפארטמענט פאר אן עקספערט. באראטונג סערוויסעס און אפשאצונגען זיינען פריי. און זיי שטעלן אייך ניט אונטער קיינע פארפליכטונגען. אונזער גאנצע ארבעט טראגט די איטאן גאראנטיע.

THE T. EATON Co LIMITED

Melchers
Gold Cross
Canadian Gin

MELCHERS
FINEST
CANADIAN
GENEVA

די סאמע געשמאקסטע פון ליקערס
מאנופעקטשורט אין קאנאדע אונטערן קאנטראל פון פעדעראלער רעגירונג, דיסטילייזירט פיר מאל און געעלטערט אין באנד פאר יארן.
צוויי גרייסן:
40 אונסעס
26 אונסעס
Distillery: Berthierville, Que.
Head Office: Montreal
Distillers since 1898
MELCHERS Distilleries Limited

אנאנס
פון מאיר לאנדאן מצה קא.
סייפט די קופאנס
מיר לאזן וויסן צו אלע קאסטאמערס, אז זיי זאלן אויסשניידן דעם קופאן וועלכער געפינט זיך אויף יעדן 1 פונטיקן פעקעדזש מצה, און ברייננגען צו אייער סטארקיפער, אדער ברייננגען אים צו אונז אין סטאר, און איר וועט קריגן פאר אים קרעדיט 1½ סענט, אזוי אז עס וועט אייך קאסטן דער פונט
מצה בלויז 13½ סענט
אונזער סטאר געפינט זיך אין 277 סעלקירק עוועניו
קאנטרי אידן, שיקט אריין באצייטנס אייערע ארדערס פאר די באוואוסטע
מאיר לאנדאן מצה
E. CHERNIAK
430 ALFRED AVENUE
Phone 53 156
J. ZARETSKY
317 MANITOBA AVE.
Phone 54 065
אגענטן

איבער גאנץ אמעריקא!
פון איין ברעג לאנד ביזן צווייטן, וואו נאר עס געפינען זיך אידן וועלכע ווילן באשיינען דעם סדר־טיש און הנאה האבן א גאנץ פסח, באווארנט מען זיך איצט מיט
האראוויטץ-מארגארעטען
מצות
עס איז שוין איצט איבער 46 יאהר ווי די הארוויטץ־מארגארעטען מצה איז אנערקענט פאר כשרות און קוואליטעט און ריינליכקייט, און אלע אידען ווייסען אז דער ליבער־פסח איז ניט פאלקאמען אהן דיזע מצות. געבאקען אונטער דער אויפזיכט פון די גרעסטע רבנים, און שטענדיג פריש, גוט און געשמאק.
דאס אויך איז זינען צו קריגען הארוויטץ־מארגארעטען מצה־מעהל, מצה־פארפעל, אייער־מצה, פאטעיטא־מעהל א. ז. וו. פאר אייערע פסח'דיגע געריכטען.
RABBI M. KOHM
Res. 607 Alfred Ave.
Warehouse: 428 Selkirk Ave.
Warehouse Phone 57 656
Winnipeg, Man.

הארוויטץ־
מארגארעטען
די מצה
מיט דעם געשמאק

היינט אויף דער ראדיא

CKY
ווינניפעג
7.00—קאנצערט שטונדע.
8.00—אימפיריאל טשיין פון טאראנטא.
10.00—פיטשור.

CNRW 780
ווינניפעג
7.00—פארט גערי האטעל דינער מוזיק.

CJGX 650
יארקטאן
7.15—פארמערס פריירי ראדיא שעה.

CJRW 499.7
פלעמינג
5.40—מוזיק.
6.00—אנקל פיטער.

KDKA 980
6.00—פיטסבורג. פארשייד. פראגראם.

WHK 1390
7.00—קליוולאנד. פארשייד. פראגראם.

WOW 590
7.00—אמאהא. שטימע פון פיירסטאן.

WCCO 810
8.00—מינעאפאלים. אפערא.

WBBM 770
8.30—שיקאגא. קלאסיקס.

WTAM 1070
8.30—קליוולאנד. מאטארס פארטי.

WMAQ 670
9.00—שיקאגא. בארנס פראגראם.

WLW 700
9.00—סינסינאטי. האמילטאן קאנצערט.

WGN 720
10.30—שיקאגא. ארקעסטער. פארשייד.

WMAQ 670
10.30—שיקאגא. פארשייד. פראגראם.

KSTP 1460
11.00—סט. פאול. וואדעוויל.

WLW 700
11.00—סינסינאטי. ארקעסטער, געזאנג.

WMAQ 670
11.00—שיקאגא. טאנץ מוזיק.

NEW PALACE THEATRE
היינט, מארגן און מיטוואך
"די קענערי מוירדער קיים"
אויך ריידנדע קאמעדיע, פאקס נייעס
(דזשענעראל)

REGENT
MAIN ST., NEAR LOGAN
נאכטים
נייער איינטריט פרייז אין
רידזשענט טעאטער
דערוואקסענע
יעדער סיט — צו יעדער צייט
25c
ריידנדיקע בילדער
מיר רופן ארויס די קאמפעטישאן אין דער רעפראדוקציע פונם קלאנג
היינט צום לעצטן מאל
דזשארדזש ארליס אין
"דיזראעלי"
א דורכאויס ריידנדיק בילד

סילקענע זאקן
האלב פרייז
טשאנג לי סילק פרעזערווירונג
שנייט אייערע זאקן בילס אין צוויי און נאך מער.
לאזט אונז דאס איבערציינן
באקס. 25ס. ביי מעיל, 35ס.
NORTHLAND CHEMICAL CO.
614 Somerset Bldg. Winnipeg
פרווון קענוועסערס פארלאנגט

הנני משתתפים בצערם העמוק
של מר. ומרת ח. לעוויטין על
הלקח מהם בתם אהובת ליבם
פייגע חיה
מר. ומרת מ. חוטורן

פייגע חיה לעוויטין ע"ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו אירע עלטערן און דער גאנצער פאמיליע אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבער טאכטער און שוועסטער. מיר ווינשן אייך אלעמען געטרייסט צו ווערן און איר זאלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

פון פריינדינס,
שירלי און ליליאן לואיס

פייגע חיה לעוויטין ע"ה

צו די עלטערן און דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט פון זייער ליבער טאכטער וועלכע איז אפגעריסן געווארן פון זיי אין אירע סאמע בליענדיקסטע יארן. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. מ. פעסקאוו
1800 לאגאן עוועניו.

יזכר

לזכר אבינו היקר והחביב
שלמה בן יוסף
גריצבסקי
שנפטר
ביום החמישה עשר לחדש אדר
התרפ"ט
תנצב"ה
יצחק ומאיר

* לייענט "דאס אידישע ווארט", אייער *
* אייגענע צייטונג, געדרוקט אין אונ־ *
* זער אייגענער שפראך, פאר אונזערע *
* אייגענע אינטערעסן פארשפרייט אין *
* אלע אידישע היימען פון וויניפעג און *
* מערב קאנאדע.

Classified Section קלאסיפייד סעקשען

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג
איין מאל, 5 ס. פער "אגייט ליין"
פאר א וואך, 20 ס "
פאר א מאנאט, 75 ס. "
פאר 3 מאנאטן $2.15 "
פאר 6 מאנאטן $4.00 "
פאר 1 יאר. $7.50 "

:: צו פארקויפן :: FOR SALE

מארטש בארגענס

א פולי מאדערן דופּבל הויז, רענט $70 א מאנאט, אין א גוטן לאקיישאן, נאענט צו מיין סטריט. שטענדיק פארערענט. פרייז $4,500. א גרויסער סנעפ.

א 8 רום פולי מאדערן הויז, אוק פלארס אוק פינישינג, פייער פלייס. הייסע וואסער באהייצונג, גאראדזש, 50 פוס לאט, אין בראאוס עווע, ערשטער בלאק פון מיין סטריט. פרייז $5,000. א גרויסע מציאה.

33 פוס לאט אין פאלקאן עווע. איסט פון מיין סטריט. פרייז $550.

50 פוס לאט אין מאקריי עווע. איסט פון מיין סטריט, פרייז $1,800.

50 פוס לאט אין קאטידראל עוועניו, ערשטער בלאק פון מיין סטריט. פרייז $1,500.

געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט. אינשורענס פאר אלערליי צוועקן.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

ספעשל גאראנטירטע פרישע אייגס צו פארקויפן האלסייל און ריטייל, בעסטע צופרידנהייט אין פרייזן. ווענדן צו מר. שווארץ, 278 בראאוס עוו. פאן 54 900.

צו פארקויפן א 6 רום קאטעדזש. פול מאדערן, זייער ביליק. זיך ווענדן אין 379 מעגנוס עוועניו.

צו פארקויפן א ביואיק מעסטא סיקס קאר גאראנטירט אין בעסטן צושטאנד, בלויז 21,000 מייל געפארן. זעקס גוטע טייערס, א טראנק אין די בעק. זייער ביליק. ווענדן אין 418 רעדוואוד עוו. טעלעפאן 53 358.

קאלעדזש עוועניו

אייגנטימער פארט אוועק צום "קאוסט" און מיר זיינען אויטאריזירט צו פארקויפן זיין היים וואס איז געבויט פאר אים אליין און איז קיינמאל פריער ניט אנגעבאטן געווארן צו פארקויפן. דאס הויז באשטייט פון א ליווינג רום, דען, דיינינג רום מיט אן אפענעם פייער פלייס, קיטשן און פענטרי. אפסטערס 3 בעדרומס, באזונדער באד און טאילעט, סליפינג באלקאני, הייצונג, מייפל פלארס און אוק פיניש אינגאנצן. גאראדזש און גרויסער לאט. הויז אין ערשטן קלאסיקן צושטאנד און א ריכטיקע היים. מוז האבן גוטן קעש פעימענט. פאר פרייז, טערמס און ווייטערדיקע אינפארמאציע זיך ווענדן צו

BLACK & ARMSTRONG
200 Toronto General Trusts Bldg.
Telephone 22 394

צו פארקויפן א וואודראו וואש מאשין, ביליק, אין ערשטן קלאסיקן צושטאנד. טעלעפאנירט 28 727.

שטייט — קוקט — בילדערס!

40 ערשטע קלאסיקע 33 פוס לאטס סאוט פון פארטעדזש. קאן פארקויפן אין בלאק אדער סינגל לאטס צוזופאסן דעם קונה.

BOYLE-BOWLES REALTY CO.
205 Kensington Bldg.
Ph. 24 061; Res. 45 228

נעשעפט נעלעגנהייטן
Business Opportunities

מאנופעקטשורינג. ענגליש שפרעכנדער יונגערמאן פארלאנגט אלס פארטנער, גוט גייענדער געשעפט. $4,000 קעש נויטיק. וועט זיכער מאכן איבער $300 א מאנאט.

דריי גודס, אלבערטא שטעטל, סיילס. $20,000 א יאר, זייער קליינער סטאק און פיקסטשורס. רענט בלויז $15. א געשעפט וואס מען קאן זיין זיכער מיט דער פאלג.

גראסערי און בוטשער. גאליציאנער געגנט, סטאק און פיקסטשורס $1,750. רענט מיט באקוועמע 5 רומס, $40. אן אלטער גוטער געשעפט.

אויב איר ווילט א געשעפט, זעט
ח. פערלמאן, י. יאן, ג. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

זייער א גוטע דזשענעראל סטאר אין א גוטער שטעטל אין סאסקאטשעוואן מוז פארקויפט ווערן ווייל דער אייגנטימער האט אן אנדער ביזנעס צו אטענדן. סטאק ארום 11,500, פיקסטשורס $1,000. א גוטער מאן מיט $4,000 אדער $5,000 קאן עס הענדלען און מאכן זייער גוט. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7664.

א ערשטע קלאסיקע דעליקאטעסן, מוז באלד פארקויפט ווערן. זייער א גוטער געשעפט. אייגנטימער מוז פארקויפן ווייל אן אנדער ביזנעס נעמט אוועק זיין גאנצע צייט. די דעליקאטעסן סטאר איז זייער א גוטע ביזנעס און מען קאן דאס איבערצייגן. זיך ווענדן צו

SAM MAGID
287 Selkirk Ave., Winnipeg, Man.

צו פארקויפן א דזשענעראל סטאר צו 65 סענט אויפן דאלאר. גוטער פארמער דיסטריקט. איך פארקויף דערפאר ווייל איך פארלאז קאנאדע. סטאר און ליווינג רומס צו פאררענטן ביליק. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט, באקס 7689.

:: צו פאררענטן :: FOR RENT

3 אדער 4 רום סוויט צו פאררענטן אין א פיינער הויז מיט א טעלעפאן. זיך ווענדן 376 מעגנוס עוועניו.

צו פאררענטן סטאר און 4 רום סוויט צוזאמען אין 390 סעלקירק עוו. מ'קאן עס איבערנעמען דעם ערשטן אפריל. סטים באהייצט, פולי מאדערן. לויפנדיקע הייסע וואסער צו יעדער צייט. גרויסער עטיק צו טריקענען וועש. ספעציעלע באקסעס פאר ווערדזשעטייבלס. רענט $60 א מאנאט. זיך ווענדן דירעקט צום אייגנטימער, מר. א. גראזני, 707 מיין סט. טעלעפאן 25 148.

צו פאררענטן א וועראהויז, 1 אדער צוויי פלעטס, אין 24 דערבי סטריט. באזונדער אריינגאנג, מיט עלעקטרישן עלעווייטאר און א פריוואטן טרעק. זיך ווענדן צו זלאביגנסקי ברידערס, 24 דערבי סטריט.

צו פאררענטן צוויי רומס אין א באנגאלאו מיט אן עלעקטריק אויוון און סינק. פאסענד פאר א פארל אן קינדער. זיך ווענדן אין 329 רעדוואוד עוועניו.

צו פאררענטן א נייע באנגאלאו פון זעקס רומס אין 283 אבערדין עווע. זיך ווענדן אין 401 אבערדין עוועניו.

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

PROF. SCOTT 88 106
290 פארטעדזש עוו. איבער לייסעאום טעאטער
נייסטע בעסטע פאקס טראט און וואלץ סטעפס
קלאסן און סעריקטלי פריוואטע לעסאנס
פולער קורס פון לעסאנס $5.00

SIMPSON & COMPANY
בייליפס
לייסענסד און באנדעד
ד. סימפסאן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK PH. 88 008

שיקט פאר בארגען פרייז ליסט
פון גאראנטירטע איבערגעבויטע ראיאלס, אנדערוואוד, רעמינגטאנס, פארטייבל און א. וו. לייכטע טערמינען. פריער בוך ווען "טאטש טייפינג" מיט יעדער מאשין. אלע סארטן פארריכט.
ROYAL TYPEWRITER AGENCY, DEPT J
288 Fort St., Winnipeg, Man.

אייער אלטע מעבל געמאכט ניי
און טאקע ביי אייך אין דער היים
בעסטע ארבעט פאר ביליקסטע פרייזן.
רופט מיך אפ
23 269

סינגער סטאר, 300 נאטר־דיים, קארנער פרינצעס. פארוואס צאלן מער? זעט אונזערע עטוואס געניצטע בארגענס. נייע זינגער מאשינען; טערמס אדער קעש. גרויסער קרעדיט פאר אייער מאשין. טעלעפאן 86 171. דז. שייפער, מענעדזשער.

מיר פארריכטן "ראנס" אין
סילקענע זאקן
ביליקסטע פרייזן אין קאנאדע
Suite 1, Westminster Block
330 DONALD STREET

געלט!
פאר אייערע באלדיקע נויטן
$50 ביז $600
צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג. שטריינג פארטרויאלאך
אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

סעקאנד הענד סייפס און וואלט טירן, האלב פרייז. סייפס געעפנט און פארריכט. קאמבינייישאנס געענדערט (אלע סארטן סייפס).
CANADIAN DIEBOLD SAFE CO.
183 Notre Dame E., Winnipeg, Man.

:: שטעלע פארלאנגט
SITUATION WANTED

ווען איר פארלאנגט א בוקקיפער זעט זיך מיט מיר. איך ספעציאליזיר זיך אין אלערליי בוקקיפינג ארבעט. וויליק אנצונעמען אירגענד וועלכע בוקקיפינג ארבעט. אינקאם טעקס פאפירן אויסגעפילט. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7636, אדער טעלעפאנירט 53 345.

ארבעטער פארלאנגט
HELP WANTED

פארלאנגט א באי מיט עקספיריענס פאר א דזשענעראל סטאר. ענגלישער טרייד. שרייבט וויפל געהאלט דערווארטעט צו
A. B. WINOGRAD
Cabri - Sask.

פארלאנגט א קלערק פאר א קלאדינג סטאר אין מוס דזשא. נאר א מאן מיט ערשטע קלאסיקער דערפארונג און גוטער רעפערענס זאל זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7661.

אדווערטייזט אין "דאס אידישע ווארט" — עס וועט זיך אייך באצאלן